קינדער, ווי אַ הון זאַמלט איין אירע עופהלעך אונטער
38 די פליגל, און איר האָט נישט געוואָלט. זע, אייער
הויז וועט אייך איבערגעלאָזט ווערן פאַרוויסט.
39 ווארום איך זאָג אייך: פון איצט אָן וועט איר מיך
מער נישט זעען, ביז איר וועט זאָגן:

ברוך הבא בשם יהוה!

## קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

1 און ישוע איז אַרויסגעגאַנגען פון בית־המקדש,
און איז אַוועקגעגאַנגען; און זיינע תלמידים
זענען צוגעגאַנגען צו אים, כדי אים צו ווייזן די
2 בנינים פון בית המקדש. ער אָבער האָט ענטפערנדיק
צו זיי געזאָגט: איר זעט דאָס אַלץ? באמת זאָג איך
אייך, עס וועט דאָ נישט איבערגעלאָזט ווערן אַ שטיין
אויף אַ שטיין, וואָס וועט נישט אַנידערגעריסן
ווערן!
3 און ווען ער איז געזעסן אויפן הר־הזיתים, זענען
זיינע תלמידים צוגעקומען צו אים, בשעת זיי זענען
געווען אַליין, און האָבן געזאָגט: זאָג אונז, ווען
וועט דאָס געשעען, און וואָס וועט זיין דאָס אות
פון דיין קומען, און פון דעם קץ פון דער וועלט?
4 און ישוע האָט ענטפערנדיק צו זיי געזאָגט: זעט,
5 אַז קיינער זאָל אייך נישט פאַרפירן! ווארום אַ סך
וועלן קומען אין מיין נאָמען, אַזוי צו זאָגן: איך בין
6 דער משיח; און פאַרפירן אַ סך. און איר וועט הערן
פון מלחמות און שמועות פון מלחמות; גיט אַכטונג,
דערשרעקט זיך נישט; ווארום דאָס מוז געשעען,
7 נאָר עס איז נאָך נישט דער קץ. ווארום אַ פאָלק
וועט זיך אויפהייבן קעגן אַ פאָלק, און אַ מלוכה
קעגן אַ מלוכה; און עס וועלן זיין הונגער־נויטן און